# לודמיר

הכנסת אורחים לודמיר

פרשיות
דברים – ואתחנן
תשפ"ה
גליון 14

געקליבענע עבודות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

אן אייביגע קשר צום צדיק


## דער קארלינער פלאם

די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

מיר זענען שטיין שילדערנדיג ווי אזוי רביה"ק האט איבערגענומען די שבט ההנהגה און האט אנגעהויבן פירן דער חצר הק'.

מיר ווייסן אז סוף ימיו האט רביה"ק זי"ע געוואוינט אין די שטאט לודמיר און דארט איז אויך די מקום קבורתו, אבער אין די ערשטע יארן האט דער רבי געוואוינט אין די שטאט קארלין וואו זיין גרויסער רבי האט געוואוינט בחייו.

בחיים חיותו פון דער מגיד האט דער מגיד איינגעטיילט די תלמידים אין די געגענטער. אינדערצייט וואס טייל פון זיינע חסידים האבן זיך באזעצט אין די צענטראלע טייל פון רוסלאנד אדער אוקאריינע, האט דער מגיד געשיקט רבי אהרן הגדול קיין בעלראוס ליטע, ער זאל דארט אנפירן און גרינדן זיין חצר הק'.

רבי אהרן הגדול האט בחיים חיותו געמאכט אסאך בעלי תשובה. א באזונדערע עבודה איז געווען מקרב צו זיין ערליכע אידן צו דער דרך החסידות. צווישן די אידן וואס זענען נתקרב געווען צו די דרך החסידות איז אויך געווען רביה"ק זי"ע.

בימים ההם איז די התנגדות צו דעם דרך החסידות געווען זייער גרויס און זייער שטארק אבער אינדערצייט וואס אין אנדערע געגענטער איז די התנגדות געווען לויזער איז עס אין די געגענטער פון קארלין געווען זייער שטארק.

נישט ווייט פון די שטאט קארלין געפינט זיך די שטאט פינסק.

אין פינסק איז בימים ההם געווען רב דער בעל קדושת לוי מבארדיטשוב זי"ע. אויך ער האט געליטן געפערליכע רדיפות פון די מתנגדים אין די שטאט.

צווישן די צוויי צדיקים איז נולד געווארן א שטארקע הימלישע ידידות וועלכע האט זיי באגלייט כל ימיו.

אין די שטאט פינסק האט בימים אויך געוואוינט רבי הערש בעל שם - דער בן יחיד פון דער הייליגער בעשטה"ק.

זייענדיג אין א שטאט מיט דער קדושת לוי און בשכינות פון רביה"ק זי"ע האט זיך צווישן זיי גרופירט א נאנטקייט און דאס אליין האט געצויגן צו זיך א שרעקעדיגע התנגדות און אן אויפברויז ביי די מתנגדים נישט קענענדיג צוקוקן אזא זאך.

די רדיפות איבערביידע צדיקים איז געווען זייער שווער און זייער הארב.

מען דערציילט אז איינס פון די באדינגען וואס די ראשי קהילה אין פינסק האבן געפאדערט פון דער קדושת לוי איז געווען אז ער זאל דאווענען נוסח אשכנז און נישט 'נוסח ספרד' ווי עס איז געווען איינגעפירט ביי די חסידים.

כידוע איז דער קדושת לוי געווען א ברען און א קאך. ווען עס איז געקומען שבת צו מוסף האט ער זיך צושריגן 'כתר' און די גאנצע שול האט געדונערט פון איין זייט צו די אנדערע.

מער האט שוין נישט אויסגעפעלט און נאך שבת האט מען אים פארשיקט פון די רבנות.

אביסל ברייטער איבער די ענטקווילונגען און ווי אזוי עס האט ענדע פאסירט וועלן מיר שרייבן אין דעם קומענדיגען גליון בס"ד.

## צידה לדרך

קורצע אמרות פון רביה"ק זי"ע /די קדושה פון דערמאנען א תנא

מענבשם רביה"ק איז מקובל אז ווען מען לערנט און מען זאגט נאך א מימרא פון א תנא אדער אן אמורא זאל מען עס נישט ארויסזאגן פשוט נאר מען זאל ציטערן ווען מען זאגט עס ארויס - ווייל אין די נאמען ליגט באהאלטן א שטארקע קדושה.

די לשון וואס ער ברענגט דארט אראפ איז מלשון 'לחרוד מאוד' אז ווען מען זאגט ארויס די נעמען דארף זיין די בחינה פון 'לחרוד מאוד' אז מען דארף זייער שטארק ציטערן.

[בית אהרן]

## אפענע ישועות ביים ציון הק'

גע'פועל'ט א זיווג הגון ביים רבי'ן

עטליכע יאר נאך מיין חתונה האבן מיר זיך צושיידט אויף אייביג. פון דאן אן האט זיך אנגעהויבן עטליכע פיינפולע יארן פון עלענדקייט און איינזאמקייט. איך האב פראבירט אויף מערערע וועגן צו טרעפן א שידוך אבער כ'האב נישט מצליח געווען אויף קיין שום וועג.

יענער יאר כ"ב תמוז האב איך באשלאסן אז יהי' מה, איך מוז זיין ביים רבי'ן אויף די יארצייט. איך האב זיך אנגעשלאסן אין די קבוצה. זייענדיג ביים רבי'ן אויף די יארצייט האב איך זיך אויסגעגאסן דאס הארץ שפירנדיג ווי כ'שטיי ביים צדיק בחיים חיותו.

איך האב זיך ממש אויסגעשמועסט מיט'ן רבי'ן מיין צרה און מיין פיין וויפיל איך גיי אריבער און ווי שטארק איך וויל אויפשטעלן אן אידישער שטוב.

אויפ'ן ארט האב איך געהאט די הרגשה אז איך בין א געהאלפענער.

א שטיק צייט שפעטער האט מען מיר מציע געווען א שידוך. די הצעה איז געקומען אויף א הימלישער וועג. עס האט געדויערט א שטיק צייט פון ווען מען האט אנגעטראגן די שידוך ביז ווען עס איז געווארן אבער ברוך ה' אז איך האב שוין חתונה געהאט און די ישועה איז שוין דא.

איך האב עס אויסגע'פועל'ט ביים רבי'ן און אין זיין זכות הק'.








צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: 518.592.0087

על הציון
של הקדוש הזה,
הוא ממש כמו שעומדים
לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

# דער צדיק רופט צו זיין יארצייט

מער ווי דריי מאל האט דער חסיד ר׳ בערל פרענקל שליט״א זוכה געווען איבערצודרוקן די ׳סידור רבי שבתי׳.

די סידור רבי שבתי, א סידור וועלכע איז אלע יארן געווען באקאנט און בארימט צווישן מדי חסידים על שמו פון דער צדיק רבי שבתי מראשקוב זי״ע, איז געווען א סידור וואס דער צדיק רבי שבתי ראשקובער זי״ע האט געשריבן.


דער שול אין די שטאט ראשקוב

רבי שבתי, א גרויסער בעל מקובל, פון די נאנטע תלמידים צו דער בעשטה״ק זי״ע האט לאנגע יארן משקיע געווען גרויסע כוחות און אפגעשריבן ווארט ביי ווארט פון די כוונות האר״י פון דער הייליגער בעל שם טוב הק׳ און מדור דור איז אריבער די סידור ביי די חסידים אלץ דער סידור פון דער הייליגער בעשטה״ק.

ר׳ בערל זייענדיג אזוי געבינדן צו דעם סידור, האט מיט די יארן באקומען א שטארקע תשוקה צו זיין אויפ׳ן ציון הק׳ אין ראשקוב און זיך משתטח צו זיין אויפ׳ן ציון הק׳ פון דער גרויסער בעל מקובל.

זייענדיג אויף א רייזע אין אוקראיינע און נאך א געהויבענער שבת אין מעזבוש בצל צלו פון דער בעשטה״ק האט ער זיך ארויסגעלאזט אויף א רייזע קיין ראשקוב.

א שווערע נסיעה איז פון מעזבוש קיין ראשקוב. די שטאט ראשקוב געפינט זיך אין מאלדאווע און דער מרחק צווישן איר און מעזבוש איז א גרויסער מרחק און עס פאדערט אז מען זאל פארן אסאך אין איר און אויך אריבערגיין א גרעניץ אבער נאך אסאך באמיהונגען איז ער אנגעקומען קיין ראשקוב.

פאר לאנגע יארן איז די שטאט ראשקוב געווען פארמאכט פאר באזוכער. אויך נאך דעם וואס מען האט שוין געקענט פארן קיין אוקראיינע האט מען נישט געקענט צוקומען קיין ראשקוב און אזוי ארום האט מען נישט געוואוסט וואו דער צדיק ליגט.

איין זאך איז יא געבליבן אין די שטאט און דאס איז א גרויסע שיינע שול פון יענע יארן.

די שול אליין שטייט שוין נישט, נאר אירע ווענט שטיין על תילה און אויך אסאך איבערבלייבענישן פון יענע יארן.

די שול געפינט זיך העכער דער בית החיים און רבי בערל נישט וויסנדיג וואו דער קבר געפינט זיך איז אריין אין דעם שול און זיך געשטעלט דאווענען אין איר קעגן די ארטיגע בית החיים האבנדיג אינזין צום מקום הקודש.

א לענגערע צייט איז ער געשטאנען דארט און געדאווענט בדביקות און פארלאזט דאס ארט.

עס וועט אריבערגיין עטליכע יאר, די אומשטענדן אנצוקומען צום ציון הק׳ וועט ווערן גרינגער און חשובע עסקנים ווי הרב גבאי און דער רב פון מאלדאווע הרב פנחס זאלצמאן שליט״א וועלן זיך ארייגלייגן בעובי הקורה און מען וועט אנטדעקן דער ציון הק׳.

עס וועט זיך ארויסשטעלן צו זיין איינס פון די לעצטע ארגינעלע מצבות וואס זענען נאך געבליבן פון יענע יארן און אויף די מצבה וועט מען מגלה זיין א זאך וואס איז ביז היינט געווען פארהוילן - דער יארצייט טאג פון דעם צדיק כ״א סיון.

ווען ר׳ בערל הערט דאס גייט ער ארויס פון התפעלות. עס שטעלט זיך ארויס אז דער טאג וואס ער איז געווען דארט מיט יארן פריער איז כ״א סיון - דער יארצייט טאג פון רבי שבתי זי״ע.

דער צדיק האט אים בדרך לא דרך איינגעלאדענט קיין ראשקוב ער זאל זיך קומען משתטח זיין ביי זיין הייליגער ציון הק׳ און פועל׳ן פאר אים גוטע ישועות.

גערירט און באגייסטערט פון די געשעעניש האט ער נאך מער מחזק זיין די קשר צו דעם גרויסן און הייליגן צדיק.

## מהנעשה והנשמע אין לודמיר

נייעס׳לעך און ידיעות
איבער די אנגייענדע מצב

# א געהויבענע לעכטיגע מעמד היארצייט געפראוועט בשותפות מיט א הכנסת ספר תורה

שוין מער ווי 80 יאר האט ׳לודמיר׳ נישט געזען אזא געהויבענער מעמד וואו הונדערטע אידן האבן געטאנצט אויף אירע גאסן און זיך געפרייט בשמחת התורה.

די געהויבענע מעמד הכנסת ספר תורה איז געווארן אפגעראכטן אין די טעג פון די יארצייט. אין די צייט האט הרב ר׳ יעקב בלייך שליט״א אריינגעגעבן א היסטארישע ספר תורה צו די ׳בית רבינו׳ אין לודמיר וואו די באזוכער קומען און האלטן זיך אויף זייענדיג ביים ציון הק׳.


דער רבי פון טשערנאביל שליט״א ביים הכנסת ספר תורה


דעם מעמד הכנסת ספר תורה אין לודמיר

די יאר האבן זיך באטייליגט הונדערטע אידן ביי די יארצייט טעג און אסאך זענען פארבליבן אויף שב״ק צו פראווענען די געהויבענע הילולא כ״ב תמוז.

מיט געהויבענע געמיטער האט זיך דער ציבור געשיידט שפירנדיג אז מען האט גע׳פועל׳ט גרויסע ישועות און זיך דערהויבן מעלה מעלה.

ארויסגעגעבן און פארשפרייט דורך הכנסת אורחים - לודמיר סמוך ונראה צום ציון הק׳ פון דער צדיק רבי שלמה קארלינער זי״ע